409796
IV 1907

Wychodzi we wtorek i piątek — № 6 — ערשיינט דיענסטאג אונד פרייטאג

Założona w roku 1848

# Jüdische Zeitung

געגרינדעט אים יאהרע 1848

REDAKCYA, Administracya i Drukarnia Karola Ludwika 29

INSERATY obliczają się od słowa 2 h.— Nadesłane po 4 hal. zapłatę uiszcza się z góry.

# יודישע צייטונג

רעדאקציאן אדמיניסטראציאן & בוכדרוקערייא קארל-לודוויג ג. 29

אינזעראטע
ווערדען מיט 2 העלר פער וואָרט אין פעטיט שריפט בערעכנט. אין דער רובריק Nadesłane 4 העלער פער ווארט דיא בעטרעגע היסיר דירסען אים פאראויס בעצאהלט ווערדען

Prenumerata z przesyłką w całym kraju Rocznie 4 K. Kwartalnie 1 K. — Za granicą dolicza się przesyłkę pocztową

ארגאן פיר יידישע אינטערעססען
וויא אויך רעגיערונגס אונד לאנדעסטרייא

Niezawisły
ORGAN DLA ZYD. INTERESÓW
wierny rządowi i krajowi

פרענומעראציאנס-פרייזע
אים אינלאנד גאנציעהריג: 4 קראנען
" פירטעליעהריג 1 "
אים אויסלאנדע לויט פארטא צושלאג

Lwów 3 Maja 1907 — לעמבערג ו' פ' אמור י"ט אייר תרס"ז

אייגענטהימער אונד שעף-רעדאקטער ה. ראהאטין בוכדרוקערייא-בעזיטצער לעמבערג

# למען אחי ורעי!

אלז יוד, אלז רב א״נ אלז בירגער פין דעם לאנד פיהל איך מעך מחויב אין א זא וויכטיגער צ״יט, וויא דיא איצטיגע צייט איז, פאר דיא וואהלען, צו ערקלערען מיינע גלויבענס-גענאָסען וואס פאר א שטעלונג זייא האבען איינצונעמען אין דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט אונ אויף וואס פאר א עקרים זייא האבען אכטונג צו געבען ביי דער וואהל פין א רייכסראטס אבגעאָרדנעטען.

אם אללער ערשט מוז איך בעמערקען, אז בענין דער וואהל פין א אבגעאָרדנעטען מוז מען בעת כזאת א חילוק מאכען צווישען צווייא זאכען: מיר האבען אין לאנד אזאלכע בעצירקע וואס א מאנדאט פין זיי מוז ביושר צופאלען נאָר א יוד אונ ווידער א זאלכע בעצירקע. וואס א יוד קען גע-וועהלט ווערין אונ בכל אופן ואופן קענען יודישע שטימען מכריע זיין ביי דער וואהל. דאפאר מוז מען איבערקלערען וי א אזוי אונז יודען האבען מיר זיך נוהג צו זיין באופן זה אונ באופן זה.

כהנה וכהנה מוז דער עיקר הדין זיין, אז מיר זאָלען בעריקזיכטיגען טובת המלכות ומדינה וטובת כל מפלגות העם דאדאָרך מוזען מיר ביי יעדען קאנדידאטען דארויף מקפיד זיין, ער זאל קענען יוצא זיין מדי חובתי אקעגען דער ממשלה יר"ה אונ אקעגען אלע קלאסען פון דער בעפעלקערונג

בשום אופן טאָר א יוד נישט מסייע זיין א זאָלכע קאנדידאטען, וואס זייא געהערען שוין איצט צו א זאָ כתה, וואס זיע גייט נגד הממשלה אונ קעגען דעם רצון פין רוב העם אונז טאָר מיר נישט פארגעסען. אז דינא דמלכותא דינא, אונ אונז נישט פין היינט ווייס מיר אז **א יוד** מוז תמיד גיין מיט דער רעגירונג, בפרט ביי אונז אין עסטרייך. וואס עס איז באמת א מלכות של חסד פאר יודען, וואס עס בעשיצט אונזערע רעכטע אונ פערטיידיגט אונז, אז עס זאָל אונז נישט געשעהן קיין קריוודע. א יוד האט זיך טאקי נאָך גאָטט ב"ה נישט אויף קיינעם מעהר סומך צו זיין, וויע אויף דעם שוטץ פין דער רעגירונג, על כן איז עס א עבירה חמורה, ווען א יוד וואָט דאָרך זיין שטימע אונטערשטיצט א זאלכע קאנדי-דאטען, וואס ער איז נישט איבערצייגט פין זיי, אז זיי זענען רצוים דער רעגירונג.

מיר זענין צוואר א אומה בפני עצמה, אבער מיר וויסען אז דעריעניגער יוד, וואס וואט געגעבען זיין שטימע פאר א קאנדידאט, וואס איז נישט ליעב דער רעגירונג, וואָט ... געוועזן קעגען זיין אייגענע פאָלק: אונ אונז יודען מיז מיר זיך היטען אפילו בשוגג דאס צו טהון — וואָרין בזדון וועט עס נישט טהון קיין שום יוד, צי ער איז א ציוניסט צי ער איז קיין ציוניסט. דאס זענין מיר מחויב געוועזן מקדים צי זיין בכל

1964 CD 162

איצט וועל מיר מפרש זין וואס מיר האבען צו טהון און איינעם אונ אים אנדערין פאלל.

**א) פין'ם יודישען מאנדאט.** נאר א זא יוד זאלען מיר וועהלען, אשר אין פורק מעליו עול הדת, וואס ער איז זיך נישט מוציא מן הכלל ישראל, וואס ער איז זיך נישט פורש מן הציבור, וואס מען זעהט איהם אין א בית הכנסת, אין א בהמ״ד, וואס ער קומערט זיך אום יודישע אינטערעסען, יודישע פעראיינע, ת״ת שפיטעלער, בתי יתומים יודישע שולען, איבערהויפט יודישע פראגען: רבנים, שוחטים, וכו׳, אונ ווען ער קען נישט בעצמו ובכבודו דאס טהון, טהוט ער עס האטשי בהונו ובממונו.

נאר **א זא יוד** מעגען מיר געבען אונזער שטימע, וואס ער וועט בפה מלא ובלבב שלם ערקלערען, אז ער וועט אלז א אבגעארדנעטער זיין א צופה ומביט אויף אללע וויכטיגע יודישע לעבענספראגען, אז ער וועט בכל התאמצות כוחו זיין א מליץ פאר אלע יודישע רעכטע אונ וועט נישט צולאזען, אז מען זאל דאס מינדעסטע רעכט, וואס יודען האבען שוין, זיי אוועקנעהמען אדער מקפח זיין אונ אז ער וועט זארגען אונ קעמפפען דאפאר, אז מען זאלל אונז געבען דיא גלייכבערעכטיגונג אונ גלייכשטעללונג באמת ובתמים. אונז קען מיר נאר א זא יוד אונזער שטימע געבען, וואס זיין ביזהעריג לעבען, זיין התנהגות זיין בילדונג און זיין חאראקטער געבען אונז א פעסטע פערזיכערונג, אז ער קען זיין פאלק, אז ער וויים, וואס דעם פאלק פעהלט, וואס דעם פאלק טהוט וועה אונ האט א יודיש הארץ א לב טוב–אונ חוץ לזה האט ער דיע בילדונג, דיע שטעלונג אונ דיע מיטעל, וואס זענען נייטיג כדי ער זאל קענען עפים טהון לטובת כלל ישראל.

דר׳ עמיל ביק ז״ל איז געווען א זא מושלם בכל המעלות אונ צווישען אונז (להבדיל בין החיים למת״ם) זענען ב״ה דא א סך א זאלכע אנשים מכיבדים כמו: מר **שמואל (שמעלקא) איש הורוויץ**, דר. **קאלישער**, דר׳ **לעווענשטיין**, פראפ. דר. **שטערנבאך**, פראפ. דר׳ **ראוענבלאטט** ירבו כמוהם בישראל! — איך וואט געקענט תהלה לאל נאך א סך א זאלכע פערזענליכקייטען אויפצילען, כי לא אלמן ישראל, אבער איך האבע נאר דיעדאזיגע אויסגערעכענט, וואס זי זענען שוין אלגעמיין בעקאנט פין זייער ביזהעריגער עפענטליכער טהעטיקייט — ווער עס וועט זיין א הולך בדרכיהם ואוחז במעשיהם, דער איז ראוי צו זיין אונזער פערטרעטער.

דער יוד, וואס אונז וועל מיר איהם וועהלען פאר א רייכסראטס אבגעארדנעטען, מוז בלי שום טו״ם איינטרעטען אין פאלען-קלוב, ווארין נאר דורך דיע אונטערשטיצונג פין׳ם פאלען-קלאב וועט ער קענען פאר יודען עפים טהון אויך טאר מיר נישט פערגעסען, אז דער געוועהלטער יודישער אבגע-ארדנעטער וועט פארדאנקען זיין וואהל אויך קריסטליכע וועהלערס אונ מוז זייערע אינטערעסען, וואס זענען געמיינ-שאפטליך מיט דיע אינטערעסען פין אללע אנדערע בירגער בלי הבדל ופדות אויך פערטרעטען. — ווען אללע יודישע אבגעארדנעטע וועלין בייטרעטען צום פאלען-קלאב, וועלין זיי קענען גובר זיין אללע אנטיסעמיטישע פלענע אונ עס וועט יודישע אבגעארדנעטע מעגליך זיין דורך צו פיהרען אלצדינג, וואס פאר יודען איז נייטיג. היינו אזו ווי אונז וויל מיר, אז דיע פאלנישע אבגעארדנעטע זאלען אונז אינטערשטיצען אים פארלאמענט, אזוי מוזען ווידער יודישע אבגעארדנעטע אין איינעם מיט זיי ווידער דאפאר טראכטען, וואס לטובת הכלל פאר דעם גאנצען לאנד איז טוב ומועיל.

מיר זענען זיכער, אז דער פאלען-קלאב וועט א יודישען אבגעארדנעטען קיינמאל נישט שטערען אויפצוטרעטען אונ צו פערטיידיגען יודישע אינטערעסען אים אלגעמיינען — אונ דאס: **נישט נאר דעמעלס, אז עס וועט זיך האנדלען וועגען גאליציען אליין, נור אויך דענצמאלד, ווען עס וועט זיך האנדלען וועגען יודען בכלל בכל מושבותיהם...** דאפאר וועלען ווידער יודישע אבגע-ארדנעטע אונטערשטיצען דיא פאלנישע אבגעארדנעטע ביים פערטיידיגען פאנ׳ם פאלנישען פאלק אויך פין שלעזיען, אין דער בוקאווינא אונ אים אויסלאנד.

## ב) פין׳ם פאלנישען מאנדאט (נישט יידישען)

אין א זאלכע בעצירקע, וואס יודען קענען נישט דארך פיהרען א יודישען קאנדידאט, מוזען זיי צו ערשט דארויף אכטינג געבען, אז דער קריסטליכע אבגעארדנעטע, וואס זי האבען איהם צו וועהלען, זאלל נישט זיין א **שונא ישראל**, אונ זיי זאלען נאר א זא קאנדידאט אונטערשטיצען, וואס ער האט דיע נעטיגע עהיקייטען אונ דיע מדות טובות, וואס א אבגע-ארדנעטער בעדארף צו האבען, אונ קודם לכל דארפען מיר פערטרויען האבען צו א זאלכע מענשען, וואס זענען זיך שוין מתעסק געווען בעניני המדינה: אין פארלאמענט, אים סעים, אין דער האנדעלסקאמער וכדומה. מיר דארפען נאר א זאלכע מענער וועהלען, וואס וועלען בפומבי ערקלערען דען וועהלערן אז זייא פערפליכטען זיך תמיד צו פערטיידינען דיע רעכטע פין זייערע יודישע מיט בירגער אונ אז ביי זיי איז נישט קיין שום חילוק צווישען יוד אונ קריסט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען פאלשטענדינער גלייכבערעכטיגונג אונ גלייכשטעלונג. מיר דארף מיר נאר א זאלכע מענער וועהלען, וואס זיי וועלען עפענטליך ערקלערען, אז זיי זעהען אליין אן, אז מען האט ביז איצט נישט גענוג לטובת היהודים געטהון, אונ אז זיי וועלען בכל מאמצי כוחם דאפאר טראכטען, אז יודען זאלען נישט האבען קיין שום ארזאכע זיך צו בעקלאגען, אז עס געשעהט זיי אומרעכט. א זאלכע קריסטליכע אבגעארדנעטע מזען בלב שלם ערקלערען, אז זיי וועלען קיין מאל נישט דעם גלויבען פין יודישע בירגער בעטראכטען פאר איין ארזאכע יודען אנדערשט צו בעהאנדעלן וויע קריסטען, אונ אז זיי וועלען נישט צולאזען דאצו, אז מען זאל יודען מדחה מכניע ומשפיל זיין, וויע עס איז ליידער ביז איצט אפט געוועזען.

וואס מעהר בעסערע און בכבודערע רעפרעזענטאנטען דאס לאנד וועט האבען, און וואס טיכטיגערע אבגעארדנעטע און וואס מעהר באמת געבילדעטע, איידלע און פערדיענסטפאלע מענער וועלען פון גאליציען קימען אין פארלאמענט אריין — דאס מעהר וועט בעסער זיין דיע לאגע פון'ם יודישען פאלק אין גאליציען.

מיר יודען מוזען מיר טראכטען, אז דיע אבגעאָרדנעטען וואס מיר וועלען איצט וועהלען, זאָלען שטייען אויף איינענער היכער מדרגה פון בילדונג, וואס דיע פריהעריגע אבגעאָרדנעטע זענען געשטאנען, אז עס זאָלען אין פארלאמענט אריינקומען למשל אַ זאָלכע מענער, וויע גראף דזיעדושיצקי, ד"ר דולעמבא, דוד אבראהאמאוויטש באברזינסקי, בילינסקי, גלאמבינסקי וכ"ו — וואָרין זייער האראקטער, זייער אינטעליגענץ און זייער געזעלשאַפטליכע שטעלונג געבען אונז דיע זיכערהייט, אז זיי וועלען קיין שום עוות הדין נישט צו לאָזען. — אונז האָב מיר אויך נישט וואס מורא צו האָבען פאַר דיא זאָגענאַנטע קלעריקאלע וייל ווען דער געוועהלטער אבגעאָרדנעטער א'ז נאָר נישט קיין אנטיסעמיט, זאָ וועט אפילו אַ גלח נישט אויפטרעטען קעגען אונזערע גערעכטע פאָרדערונגען. אַ יעדער מענש, וואס האלט באמת הויך זיין רעליגיאָן, וועט דיא רעליגיאָן פון'ם אנדערן אודאי אויך אַכטען און שעצען: נאָר אין עבודת הבורא אונטערשיידען מיר אונז פון אינזערע מיטבירגער, אבער נישט אין עבודת דמדינה. — מיר יודען טאָרען מיר זיך נישט לאָזען פארפיהרען פון א זאָלכע מענשען, וואס לייגען קיין ווערט אויף רעליגיאָן — אַ זאָלכע מענשען טאָרען מיר נישט וועהלען וואָרין זיי זענען נאטירליכע שונאים פון מאמינים בני מאמינים.

אַלז יוד, העומד על התורה ועל ההלכה, וואס ער קען זיין אייגען פאָלק, וואס ער קען דיע געשיכטע פון דעם יודישען פאָלק און דיע איצטיגע לאַגע פון איהם, געבע איך מיינע ברידער דיע דאָזיגע עצה על פי תורתנו הקדושה שהיא חיינו ואורך ימינו.

טאַרנאָפּאָל, ל"ג למ"טמונים שנת תרס"ז

**הרב דאקטאר שמואל אהרן טויבעלעם**

יליד עיר לבוב יע"א

ק. ק. פראָפעססאָר בטאַרנאָפּאָל

---

אויך וויר זינד דער אנזיכט דעם פערפאססערס פאם אָבגענאנטען ארטיקעל, אונד געבען וויד דער האָפנונג הין דאס אחב"י אונז נעהער שענקען ווערדען, דען עס זינד דברים היוצאים מן הלב ובודאי נכנסים ללב! — והיה בזה שלום!

דיא רעדאַקציאָן.

## יודישע אנגעלעגענהייטען.

**(געגען דיא אנטי־יידישע רעפאָרם)** פאָר קורצעם האט איין גאָטטלאָב נור גרינגער, ברוכטהיל דער יודענשאפט פאָן פאריז איינע זאָגענאנטע „ליבעראלע פעראייניגונג" געגרינדעט, וועלכע דער אנטי־יידישען רעפאָרם הולדיגט אונד דען שבת איף זאָננטאג פערלעגען מעכטע. געגען איהרער גאָטטלאָזען ריכטונג פערלאנגטען דיעזע פושעים פאָן דעם פאָרשטאנדע דער פאריזער איזראעליטישען הויפט־געמיינדע, ער מעגע איהנען איינע געמיינדע סינאגאָגע צור אבהאלטונג איינעם זאָננאגס־גאָטטעסדיענסטעס מיט פראנצעזישען געבעטען עטצ' איבערלאססען. דער געמיינדע־פאָרשטאנד האט דיעזעס פערלאנגען ערפרייליכערוויזע אבגעוויעזען.

---

**(איין סטרייק פאָן „כהנים" אונד „לוי"ם")** איינען גאנץ אונערהערטען פאָרפאלל בעריכטעט „המצפה" אוים וואשקייץ (בוקאָווינא). אים דאָרטיגען „נייען בית המדרש" ליעס אם אחרון של פסח דער גבאי צו דען ערסטען צוויא „עליות" אנשטאטט דעם כהן אונד דעם לוי יע איינען ישראל צור תורה אויפרופען, וייל ער זאה דאס צו ווענינ עליות פיר די פיעלען היובים פאָרהאנדען זייען. דאס פערדראָסס דיא אנוועזענדען כהנים אונד לוים, וועסהאלב זיא אים שמיללען איינען ראכע־פלאָן אויסהעקקטען. אלס דער הזן ביים מוכף־געבעט „ותערב" געזאגט אונד כדנים גערופען האטטע, שוויעג אללעס; די כהנים אנטוואָרטעטען ניכט עם קודשך כאמור זיא האטטען דאס בעטהויז בערייטס פריהער אים שטיללען פערלאססען (אונפערצייליכער פעהלער).

---

**(איין נייער אָרטה. פעראיין)** אוים האללע א' ז' (דייטשלאנד) שרייבט דיא „אללגעמיינע יידישע צייטונג" אין פעסט, זייט 12 יאהרען האבען וויר היער איינע אָרטה. בעטגענאָססענשאפט, וויא אויך איינע מקוה פאָר קורצעם האט זיך דיא כעטגענאָססענשאפט צו איינער „חברה מחזיקי הדת" קאָנשטיטואירט, דיא זאָעבען כעהערדליך בעשטעטיגט וואורדע. היע־מיט ערפאָלגטע איין גראָססער שריטט צור ערשטארקונג דער היעזיגען אָרטהאָדאָקסיע. דער פעראיין האט העררן ראבבינער איזראעל ברוין דעססען בעמיהונגען דאס געדייהען אונזערער אינשטיטוציאָנען צו דאנקען איזט, איינשטיממיג צום ראבבינער געוועהלט.

ס' פ'

---

**(איינע אויפזעהען ערדרעגענדע פערהאפטונג)** דיא מיט דען יינגסטען אנטיסעמיטישען בויערן־אונרוהען רומעניענס אין צוזאממענהאנג שטעהט, ווירד אוים בוקארעסט געמעלדעט. אין ג' אורניאָ וואורדע נעמליך ואזול קאָגאלניצעאנו, דער זאָהן דעם פריהערען רומענישען מיניסטער־פרעזידענטען, אונטער דער בעשולדיגונג פערהאפטעט, אן דער אָרגאניזירונג דעם בויערן־אויפשטאדעס טהיילגענאָממען צו האבען.

---

**(פאם רויב אונד מארד פערזוך).** דיא נאכריכט וועלכע וויר געבראכט האבען דאס איינע אממע האט אן איהרע בעקאנטע רעקאמאנדירטע בריעפע געשריבען, דאמיט דיעזעלבע נאך קאלבושאוו קאממען זאללען אום בייא ה' עקשטיין (גוטסבעזיטצער) געלד צו רויבען אונד איהם זאמט פאמיליע צו ערמארדען, בעשטעטיגען יעטצט זעמטליכע בלעטטער.

# דורש טוב לעמו

בעוויזט— וויא מיטגעטהיילט ווארדע, פאָלגענדעס פראָגראם וועלכעס זיך העדר **סאמועל פאן הארוויטץ** אלס רייכסראטהס - אבגעאָרדנעטער, דורכצופיהרען, צור אויפגאבע מאכטע:

א) אַנרעסערע פערטרעטונג פאר יודען. — דורך דער יודישע-פארטייא - אגיטאציע האט מען דיא יידישע וואהלקרייזע אזוי ארום-געשניטען, אז יודען זאלען שווערליך קענען זעלבססשטענדיג געוועהלט ווערדען, און וויא באלד דיא קריסטען זאלען זיך אין אייניגע ערטער געגען אונז פעראייניגען, קענען מיר דאן הלילה גענצליך דורכפאלען. מען קען אפילו פארלייפיג דיעזע וואהלקרייזע נישט ענדערן, עס זענען אבער דא הונדערטע מיטטעל, דיא לאגע אויסצובעססערן, אדער אויך נאך צו פערשלימערן. דער לאנדטאג און דאס מיניסטעריום קען צו יעדער צייט ענדערן דיא גרענצען פון יערער פאליטישער געמיינדע, אום דאדורך דיא וואהל-שאנסען פונ׳ם יידישען קאנדיראט צו פערגרע-סערן אדער צו פערקלענערן.

ב) מען דארף פערלאנגען, עס זאל נישט מעהר געלענט ווערען קיין הידערניססע דער אנשטעלונג פון יידישע בעאמטען אין אלע שטאאטליכע און אויטאנאמע בעהערדען. דורך זייער אינטעליגענץ און דורך דער -אינטרעגיטעט פון זייער חאראקטער האבען זיך דיא יידישע בעאמטען אימעדים ווירדיג געצייגט פאר זייער שטאנדעסעדרע, און עס איז נור א פערערבטעס פאראורטייל וואס מען וויל אונז אין דיעזער בעציעהונג איינשרענקען אדער צורוקזועצטען.

ג) מען דארף פערלאנגען, אז אין בעצוג אויף דער זאנטאגסרוהע זאלען איינגעפיהרט ווערדען מינדעסטענס דיעזעלבע בעשטיממונגען וועלכע עס הערשען דיעסבעציגליך אין דער באָקאָווינאַ, דיא פרייע געשעפטס-שטונדען אויף זאנטאג זאלען ערווייטערט ווערען.

ד) בייא דער פערהאנדלונג וועגען דער וואהל-רעפארם צום לאנדטאג, וועלכע דארף דיעזען הערבסט פארקומען, מוז מען טראכטען, עס זאל אונז אויך גזיכערט ווערען א געהעריגע פערטרעטונג.

ה) נאך דעם ערלעשען פונ׳ם פראפינאציאנסרעכט וועלכעס וועט פארקומען אינ׳ם יאהר 1910, וויא דיא רעגיערונג וועט אויסטיילען דיא בעווילינונגען אויף שענקען, זאלען דיא יידישע בעווערבער נישט צוריקגעזעטצט ווערען און אין דער אויסאיבונג פון זייער ביזהעריגען ערווערב נישט געשטערט ווערען.

ו) מאן מוז טראַכטען, דאהין צו ווירקען, עס זאל אויס דיא עפפענטליכע פאגדע פונ׳ם שטאאט און פונ׳ם לאנד געזארגט ווערען פאר דער פעיבעססערונג דער לאגע אין דער ערווערבס-פערהעלטניססע פון דער יידישער בעפעלקערונג, גלייך וויא מען זארגט פאר דער מאטריעלער לאגע אין דיא ערווערבס-פערהעלטניססע פון אלע אנדערע בעפעלקערונגס-שיכטען.

---

**אזוי איז דאָס פראָגראם פון אונזער עהרוו. פיהרער ה״ר סאמועל פאָן האָראָוויטץ, אויף דיזען פראָגראַם קאַנדידירט ער. און אזוי וויא ער ווירד איינטרעטען אין פאָלענקלוב, איז עס מעהר אָלס זיכער, אַז ער וועט דאָס אַלדינג אויספיהרען וואָס מען וויל.**

---

**(דער קאַיזער אונד ראבבינער)** בייא דער אנקינפט זיינער מאיעסטעט אין פראַג — האבען זיך אונטער דעפוטאציאָנען וועלכע אוים דיעזעס אנלאססע פאר דער באהנהאָף אויפשטעללונג גענאָממען האטטען, אויך פיער ראבבינער אים פאָללען אָרנאט בעפינדען, נעמליך: אָבער-ראבבינער ד״ר ע ה ר ע נ פ ע ל ד. ד״ר ד י י ט ש. פעלד-פרעדיגער ד״ר קיש אונד ד״ר ש וו א ר ץ. אלס דער ק אַ י ז ע ר, אוים דעם באהנהאָפע הערויס-טרעטענד, דעם עהרענהאָפע גענענאיבערשטאנד. ערהאָבען דיא גענאננטען פיער ראבבינגער איהרע הענדע צום ז ע ג נ ע ן אונד שפראכען מיט לויטער שטימע אין העבראישער שפראכע דען איבליכען זעגען. דיעזע רעליגיאָזע עהרונג ווארדע פאַן דען אים עהרענהאָפע אויפגעשטעללטען ווירדענטראָגערן אללגעמיין בעאַכטעט אונד אלס ראס פובליקום דען ערענ-טאָף פערליעס. מאכטע מאן דען פיער באבבינערן מיט בעזאָנדערער עהר-ערביעטונג פלאטץ.

---

**(פאן קאנדידאטען-רעדע דעם ה׳ פאן הארוויטץ).** געסטערן פאנד אים זאאלע יד הרוצים איינע גראססע פערזאממלונג פאן דען אבטבארסטען מעננערן, אונד בעלי בתים שטאטט, בייא וועלכער ה׳ פאן הארוויטץ איינע בעריהמטע אונד גדיגענע רעדע געהאלטען האט. — יעדעס וואָרט וועלכעס דער רעדנער אויסגעשפראכען האט. פאנד בייא דען צוהערערן שטארקען אנקלאנג אונד ער ווארדע הוערליך פאן א ל ל ע ן אנוועזענען געלאבט אונד געזעגנעט מיט דעם אויסרופע: יאריך ימי חייך. וירבו כמוך בישראל!

---

**(פאן דער קאנדידאטען רעדע דער ה׳ דר. נ א ט ה א ן ל ע וו ע נ ש ט י י ן)** וועלכע ער אין דראהאָביטש געהאלטען האט. הירר אונז פאן זייטען זר. עהרוו. ה׳ ר א ב י נ ע ר מ ר נ ל י ו ת מיטגעטהיילט דאס ער זוך היעדורך גראססע סימפאַטיע אונד אנהענגליכקייט ביי דיא וועהלער ערווארבען האט.

---

**(נייער פעראיין אין לעמבערג).** סאנטאג פאנד היעד איינע פערזאמםלונג פאן 300 פערזאנען שטאטט צור צוועקע דען זעהר וויכטיגע פענסאנס-פעראיינעס פיר וויטווען אונד וואיזען וועלכע שטאטוטען בערייטס פאן דער ק. ק. שטאטהאלטערייא גענעמיגט ווארדע, אונס לעבען צו רופען.

---

## אחבּ׳י! וויר ערזוכטען העפליכסט דיעזע זייט פיעלען יאהרען בע-קאנטע „יידישע צייטונג״ צו אבאנירען.

די רעדאקציאָן

---

## 500 קראנען יעדען לונגענליידענדען !

**500 Kronen** Werden jedem Lungenleidenden der nach Gebrauch des welt berümten **Maltosenpräparates** nicht sichere Hilfe oder Linderung findet zugesichert.
Husten, Heiserkeit, Astma Lungen und Luftröhren Katarrh, Auswurf dsr Lungen hören schon nach einigen Tegen auf. Hunderte uud abermals Hunderte haben **Maltosenpraeparat** mit Erfolg gebraucht. Attester der grästen Autoritäten und Privat Personen laufen täglich ein die gratis zur Verfügung stehen.

Der Preis ist 3 Flaschen Maltosenpräparat Kr 5·20 6 Kr. 9. 12 Fl. Kr. !5.

**Albert Zenkner Altona (Elbe)**

Erfinder der Maltosenpräparate (Deutschland.)

---

## Banque Hypothecaire et de Prets Franco-Anglaise

**PARIS** 20 22, RUE RICHER **פאריז**

וויר ערטהיילען ראש אונד קאולאנט :

## אמארטיסאטיאנס־דארלעהען

צו $3\frac{1}{2}$ אונד $4^{0}{}_{0}$ אויף ערסטען אונד צווייטע זאטץ ביז צום $1\frac{3}{4}$ טהיילע דעם שעטצונגסווערטעס אויף דיא צייטדויער פאן 15 ביז 75 יאהרען

## פערזאנאל דארלעהען

צו $4\frac{1}{2}$ אונד $5^{0}{}_{0}$ אז גייסטליכע, אפפיציערע, שטאאטס-אונד פריוואט בעאמטע, קויפלייטע אונד אינדוסטריעללע, מיט אונד אהנע גאראנטען אויף דיא צייטדויער פאן 1 ביז 15 יאהרען

## קאנפערטירונגען פאן באנקשולדען

## פינאנציערונגען אונד פערוואנדעלן :

פאן אונטערנעהמונגען אין אקטיען-געזעללשאפטען.
קארעספאנדענץ אין פראנצעזיש, ענגליש, דייטש, איטאליעניש, רוססיש אונד שפאניש.
אויסקינפטע קאסטענפרייא !

---

## איינלאדונג

אונזערע מיטגליעדער ווערדען צו דער זאנטאג אם 12 מאי 1907 אום 7 אוהר אבענד אים פעראיינס-בעטהויזע באזשניצא-גאססע נר. 15 שטאטפינדענדען

## גענעראלפערזאממלונג

העפליכסט איינגעלאדען

טאגעסארדנונג :

1) טהעטיגקייטס-בעריכט
2) נייוואהל איינעס אויסשוססעס
3) פריוואט אנטרעגע

דער אויסשוס דעם פעראיינעס

**שובתי שבת**

---

# ZUR ZEIT !

**Das weltberühmte Curort**

# Karlsbad

wird für an Magen —Nieren— Gelbsucht — Harnsäure etz. leidende Personen von **grössten Welt-Proffesoren bestens nempfohlen.**

Nähere Beschreibungen, Belehrungen, Ärzte, Hotels und Wohnungs Adressen sind in deutsch, polnisch und jüdischen Brochieren ersichtlich, dieselben werden auf Wunsch gratis zugeschickt.

**CH. ROHATYN Redacteur Lemberg.**

---

## כשרה מילך

געלאנגט אויך דער הערשאפט **פאדיישיקי-יוסטינאווע** אייזענבאהנסטאטיאן (טרעמבאוולא) אב 1 מאי **1907** צור נייפערפאבטונג דיא מילך ווירד נאך דען נייעסטען איינריכטונגען קינסטליך געקיהלט אונד געלאנגט אין פלאמביערטען טראנספארט-קאנגען צום פערזאנד. דאס ניעדערעסטערייכישע מילכפיע איזט געגען טובערקעל געיפפט.

זיכערע אבנעהמער האבען זיך צו מעלדען ביא אביגער הערשאפט.

**Güter-Verwaltung** des Grafen Leopold Bolesta-Koziebrodzki Podhajezyki Iustynowe, Post., Telegr. u. Bahn-Station : Trembowla. (103)

---

## שלאכט - פיעהמארקט

לעמבערג דען 1 מאי 1907

אויפטריעב 300 שטיק פיעה דארונטער 110 אקסען, 80 קיעה, 40 שטיערע, 70 שטיק יאנג פיעה פרייזע פיר אקסען פאן 35 פל. ביז 50 פל. 42 פיר קיהע פאן 28 פל. ביז 38 פל. פיר שטיערע פאן 35 פל. ביז 41 פל.

מיין אדרעססע פיר בריעפע אונד טעלעגראממע איזט :

**יעקב צודיק** פיעהקאמיסיאנער לעמבערג

פיר פיעה פארזענדען יעקב צודיק לעמבערג. רזעזניא

---

## לאטטא ציעהונג

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| לעמבערג אם 1 מאי | 38 | 81 | 45 | 56 | 8 |
| פראג אם 1 מאי | 11 | 70 | 22 | 80 | 87 |

## אבשריפט דער רעזאלוטיאז דער וועהלערפערזאממלונג אין בעלז.

(איינגעזענדעט) דיא 600 אן דער צאהל אם 15 אפריל 1907 פערזאממעלטען יידישען וועהלער דער שטאדט בעלז האבען אים בייזיין דעס בעלזער ראבינערס הה"צ הגאון מוה"ר ישכר בער רוקח שליט"א בהה"צ הגאון מוה"ר יהושיע זצלה"ה איינשטיממיג בעשלאססען דיא קאנדידאטור דעם אוניווערזיטעטס פראפעסארס

# דר. סטאניסלויס סטארזינסקי

צום רייכסראטס־אבגעארדנעטען אויס דעם וואהלבעצירקע דער שטעדטע: סאקאל, מארטאקאוו, קריסטינאפאל,ווארעז, בעלז, וויטלקאטשי ראווארוסקא אונד זאלקיעוו צו אונטערשטיצען. אין דער איננערסטען איבערצייגונג דאס פראפעסאר דר. סטארזינסקי אלס לאנגיעהריגער רייכסראטס אונד לאנדטאגס אבגעארדנעטער, דעמנאך אלס פראקטיש ערפאהרענער פאליטיקער בעסטענס געאייגנעט אונד בערופען איסט, דיא אינטערעססען דער זעהנע איזראעלס צו וואהרען אום זאמעהר אלס דערזעלבע בייא דער אבערוועהנטען וואהל־פערזאממלונג זיינע געוואגענהייט פיר דאס יידישע פאלק אונד דען שטאנדהאפטען וויללען אפפענבארטע דיא אינטערעססען אללער דאס קעניגרייך גאליציען בעוואהנענדען פעלקער אהנע אינטערשיעד דעס גלויבענס צו אוטערשטיצען: וואביי ער פייערליך פערשפראכען האט דיזען גרונדזעטצען נאך זיינער וואהל טרייא צו בלייבען.

וויר זינד דעמנאד איבערציינגט דאסס דיא לעבענספראגען דעס יידישען פאלקעס אין דער פערזאן דעס דר. סטארזינסקי אלס רייכסראטס אבגעארדנעטען דען פאלסטען שוטץ אונד אונטערשטיצונג פינדען ווערדען.

אים נאמען דער יידישען סאלידאריטעט, אים נאמען דער יערוזאלימער טראדיטיאן איבערליעפערונג אונזערער פארפאהרען, ערזוכען וויר אללע יידישען וועהלער איהרע שטיממען בייא דער בעפארשטעהענדען רייכסראטסוואהל אבצוגעבען דעם

## דר. סטאניסלויס סטארזינסקי Dr. Stanisław Starzyński

אוניווערזיטעטס פראפעסאר אין לעמבערג. געוועזענער רייכסראטס אבגעארדנעטען.

געשטיטצט אויף דען אביגען בעריכט פערדיענט אומזאמעהר הערר דר. סטארזינסקי דאמיט אויך דיא יידישע וועהלער איהם צום רייכסראטס־אבגעארדנעטען וועהלען זאללען. נעהערעס נעכסטענס (רעדאקציאן)

## לעמבערגער פירמען

(זאלכע אנקינדיגונג קאסטעט נור 5 קרייצר פער מאהל, זאוואהל פיר היעזיגע פירמען וויא אויך פאן דער פראווינץ.)

דער אויסטראג דארף וועניגסטענס אויף איינען מאנאט זיין

בראנדשטעדטער עט קאמפ.
קאנדיטען פאבריק
גאלוחאווסקי-פלאטץ 5

דר. רוקער עט קאמפ
קאנדיטען פאבריק
גאלוחאווסקי-פלאטץ 9

שפיגעל מאריטץ עט סאמי
טוכווארען לאגער
קאזימיר גאססע 4

הערמאן עט יאזעף באמבאך
טוכווארען-לאגער
גאלוחאווסקי פלאטץ 5

גוט הערמאן
נכאז געשעפט
גאלוחאווסקי פלאטץ 9

מיזעש מענדיל
וויינהאנדלונג
שפיטאלנא 2 (אצל קובע עתים

ראפאפארט שבתי'
וויינהאנדלונג
גאלוחאווסקי פלאטץ 5

קאהן קלמן
רעסטויראטהער
גאלוחאווסקי פלאטץ 6

מ. באהרער
רעסטויראטהער
גאלוחאווסקי פלאטץ 2

א ל. וויטטעלס
שפעצערייא
גאלוחאווסקי פלאטץ 11

ראזעטהאל
טראקטעהר כשר
קאזימיר גאססע 3

קרעבס אדאלף
זיעדפריכטען לאגער
קאזימיר גאססע 8

וואלדמאנן בעריש
פעלץ אונד מיטצן לאגער
קאזימיר גאסע

בויער לעאן
מאניפאקטור לאגער
קאזימיר גאססע 7

הויפט לאגער
פאן
פרייזישע קאקס קאהלען
האלצקוילען & שטיינקאהלען
דעס
**גערמאן קארש**
לעמבערג ביורא זדודלאנא 34
מאגאזין בעמא-גאססע 12

סאמועל באראך
גראססעס פאפיער-לאגער
קאמינסקא גאססע 7 לעמבערג

שיללינג עט האמבער
מאניפאקטור געשעפט
גאלוחאווסקי פלאטץ

פינקעלשטיין א.
זעלכווארען פאבריק
גאלוחאווסקא פלאטץ 2

לויטערבאך הירץ
מאניפאקטור אונד שניטווארען
קאזימיר גאססע 15

ציף יאזעף
מאניפאקטור אונד שניטט ווארען לאגער
קאזימיר גאססע 11

פארנעס מ.
טהעע אונד קאפפע האנדלונג
יאגיעלאנען גאססע

רויך י. ב.
קאנדיטען אונד צוקערווארען האנדלונג
סטאניסלאווא גאססע

גערסטענפעלד עט שארר
טוך אונד פעלצווארען ניעדערלאגע
קאזימיר גאססע 3

שורץ עט לבוב
טוך עט שאפוואל ווארען האנדלונג
קאזימיר גאססע 5

פעללער ס.
פאפיער עט נירענבערגער ווארען
קארל לודוויג שטראסע 39

דאנב עט אכט
פאפיער עט נירנבערגער ווארען
גאלוחאווסקי פלאטץ 3

וואלקען י.
פאפיער עט נירנבערגער ווארען
גאלוהווסקי פלאטץ 5

רייז משה
פעלץ, היטע עט מיטצען
גאלוהאווסקי פלאטץ 11

שטאנד יאזעף
היטע אונד מיטצען
קאזימיר גאססע 7

קאטץ אפרים
מאנופאקטור עט שניטווארען
גאלוהאווסקי פלאטץ 6

פרענקעל מאקס
שילדער מאהלער
סיקסטוסקא גאססע 12

רעוויטש זכרי'
קלעמפפנער מייסטער
קראקויער פלאטץ

ס. הערצער
פעלצווארענלאנער
קארל לודוויג-שטראססע 29

דאוויד שליכטער
רעסטויראטהער
זאנענ גאססע 2

שטרויך י.
זילבער ווארען געשעפט
קארל לודוויג 29

ת. י. פריעדמאנן
בוטטער עט אייערהענדלער
רזעשני-פלאטץ 4

בערנארד פריעד
רעסטויראציאן
קאזימיר גאססע 20

מאקס וו. הערמאנן
פארבענלאנער
רוסישעגאססע 8

ק. קאהאנע
גראטאסאן עט פאנאנראפען ניעדערלאגע
יאגיעלאנען גאססע 11

הירש עט משה ד. שראנע
לעמבערג גאליהאווסקי פלאטץ 6
מאניפאקטורוואסען-לאגער

אדאלף בוים
מענער קאנפעקצ אן
סיקסטוסגא 8

**מאלא ראזאפין**
מאדיסטין
לעמבערג האליצקא 15

# דיא צייט

איזט דיא ערשטע

**וויענער טאגעסצייטונג גראססען סטילס**

דיא צווייא וויכטיגע פארציגע פעראיינט : אללזייטיגע פינאנציעללע אינאבהענגיגקייט אונד איינען וועלטאום-פאסענדען נאכריכטענדיענסט. זיא בריננט פינף פאר-נעהם אויסנעשטאטטע, פאן אאכמעננערן רעדיגירטע אונד בעאיבייטעטע **בייל**א**נען** דערען **יעדע איין גע-ן** דיענענעם פאכבלאט איזט אונד צוואר :

**דיא פרויען-צייט** ארגאן פיר אללע אינטערעסע דער פרויענוועלט : **אן יעדעם דיענסטאג,**

**דיא פעדאנאנישע צייט** ארגאן פיר דאס גזאמטע ערציהונגס אונד בילדונגסוועזען : **אן יעדעם מיטטוואך.**

**דיא מעדיצניש-היגיענישע צייט** אן יעדעם זאמסטאג.

**דיא טעכניש - נאטורוויססענשאפטליכע צייט** ארגאן פיר דאס געזאמטע געביעט דער נאטור-וויססענשאפטען אונד דער טעכניק : **אן יעדעם פרייטאג.**

**דיא זאנגטאגס צייט** בעללעטריסטישע ביילאגע פיר ליטעראריש פלוידערייען, רייזעבעשרייבונגען סקיצצען אונד גאוועללען : **אן ידעם זאנגטאג.**

**אבאננעמענטס-פרייזע פיר עסטעררייך-אונגאר**

מיט טעגליך איינמאל גער פאסטצע-זענדונג:

מאנאטליך ק. **4** — פירטעליעהריג ק. **12** —
האלביעהריג ק. **24** — גאנציעהריג ק. **48** —

מיט טעגליך צווייטאליגער פאסטפערזענדונג : מאנאטליך ק. **4.70** — פירטעליעהריג ק. **14** — האלביעהריג ק. **28** — גאנציעהריג ק. **56** —

**נייא איינטועטענדע אבאננענטען** וועלכע „**דיא צייט**' פאם **1** יענער **1906** אוין מינדעסטענס דרייא מאנאטע אבאנניערען, ערהאלטען דאס בלאטט שאן פאם וויינאכטסטאגע אן **גראטים אונד פראנקא** צוגעזענדעט

DiE ZEIT

**Administration, Wiei, I. Maria Theresien-Strasse Nr. 10.**

# דאס באנקהויז דער פירמא ראהאטין & אולאם

לעמבערג סיקסטוסקא גאססע 8 פערקויפט לאזע אויך אויף ראטען


## נייער פרעזידענט אין לעמבערג

געסטערן פאנד אים היעזיגען געמיינדעראטה די וואהל איינעם נייען שטאדט-פרעזידענטען אונד דעססען שטעלפערטרעטער שטאטט. — עס ווארדען געוועהלט די הערר'ן:

**סטאניסלאוו טשוכטשינסקי**

פרעזידעט

**Stanisław Ciuchciński**

**prezydent**

**דר. נאטאן לעווענשטיין**

**Dr. Natan Löwenstein**

**דר. טאדעאוש רוטאווסקי**

**Dr. Tadeusz Rutowski**

**wiceprezydenci**—וויצעפרעזידענטען

צור איבערנאהמע דיעזעס עהרענאמטעס ווארדען אבגעזאנטע הערר'ן גראטולירט.


# 18 הענגלייכטער

**אין גוטעם צושטאנדע**

האבען די גבאים מבהכנ"ס **אור שמש** בילליג צו פערקויפען.

דיעזעלבע ווערדען נור פיר שיהלען אדער חברות פערקויפט.

נעהערעס ערטהיילט:

**דיא פערוואלטונג**

דער סינאגאגע שמש צדקה אין לעמבערג

מיאדאווא-גאססע (זייטען זאננען-גאססע)

(106)



# את אחי אנכי אבקש!

דא איך מיינע בוכדרוקעריא מיט איינער נייען

## גאנץ גראסען שנעללמאשינע

וועלכע פיר עלעקטרישען בעטריעב איינגעריכטעט איזט פערזעהען האבע, בין איך יעטצט אין דער לאגע אללער ארט דרוקארבייטען אין יידיש- פאלנישער אונד דייטשער-שפראכע שנעלל אונד בעסטענס אויסצופיהרען.

אהב"י! איך ביטטע אייך דאהער מיך מיט צאהלרייכע בעשטעללונגען צו בעעהרען.— ובעבור זה תהא משכורתכם שלימה מאת ד'.

**ח. ראהאטין** בוכדרוקעריא-בעזיטצער

קארל לודוויג-שטראסע 29 צווייטער איינגאנג רייטאנא 8



Właściciel wydawca odpowiedzialny redaktor i drukarnia Ch. Rohatyn, Lwów,